ייוו"א/ארכיוו

# בית יעקב
## חודש זשורנאל

ארגאן פאר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען
רעדאקטאר: א. ג. פרידענזאן

| דער צועל פון די בית-יעקב שולען: | אבאנאמענטספרייז: | דאס פראגראם פון בנות אגודת ישראל: |
| --- | --- | --- |
| צו ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל'ס היסטארישע אייביגקייט'ס-אידעאלען. | א יאהר 8 גילד. אויסל.: 2 דאלאר. — געלד פריהעראוים. אדרעס פאר געלד: Łódź, P. K. O. 65.613 | פליכט-ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פראבלעמען אין גייסט פון תורה ומסורה. |

נומער 44

6 יאהרגאנג

# גרייט אייך צום יום-טוב פון דער יודישער טאכטער — חמשה-עשר-באב!

די ערשט פארגעקומענע לאנד-קאנפערענץ פון „בנות אגודת ישראל" אין פוילען האט ענטגילטיג פראקלאמירט די בענייאונג פון חמשה-עשר-באב אלס יום-טוב פון דער ערוואכטער יודישער רעליגיעזער טאכטער.

די פייערונגען אין חמשה-עשר-באב, וועלכע האבען הינטער זיך שוין איינ"גע-טליך א חזקה פון דריי יאהר, דארפען מיט א בעזונדער פייערליך התלהבות איינגעאָרדענט ווערען אין יעדען אָרט היינטיגעס יאהר גאכדעם ווי די ריזיגע כנסי' לשם שמים פון די בנות-ישראל אין פוילען, האט דעמדאזיגען טאג אפיציעל דורך איהר איינשטי-מיגען בעשלוס פראקלאמירט אלס יום-טוב פון דער יודישער אָרגאניזירטער רעליגיעזער פרויען-בעוועגונג.

מיר פאָדערן דעריבער אויף אלע בנות-אָרגאניזאציעס תיכף-ומיד צו שאפען א ספעציעלע קאמיסיע, וועלכע זאל צוגרייטען די איינאָרדנונג פון קומענדיגען חמשה-עשר-באב, מיטוואך פ' עקב, וואס פייערליכער און אימפאזאנטער, און הסכם מיט אונזער פראגראם, וועלכען עס האבען בעקומען צוגעשיקט אלע אונזערע אפטיילונגען.

מיר רופען אייך בנות-עסקנות, מיט דער שטארקסטער אנשטרענגונג צו זארגען, אז די חמשה-עשר-באב אקאדעמיעס אין יעדען אָרט זאלען צאהלרייך בעזוכט ווערען פון יודישע פרויען און פריליינס, עס זאל פאר די ברייטע יודישע פרויען-מאסען אויפגעקלערט ווערען די צילען און שטרעבונגען פון בנות-אגודת-ישראל בכלל און דעם זין פון חמשה-עשר-באב אלס טראדיציא-נעלער יום-טוב פאר דער יודישער טאכטער בפרט.

לעגט אויך אכט דערויף, אז אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון דער קאנפערענץ זאל אינ'ם דאזיגען טאג פון די ברייטסטע יודישע פרויען-קרייזען איינקאסירט ווערען די „חמשה-עשר-באב-שפענדע פאר דער אָרטאדאקסישער פרעסע און ליטערא-טור" דורך ספעציעלע זאמלערינס.

שרייבט אונז אייך אויף וויפיל איהר פערגרעסערט אין יעדען אָרט די צאהל עקזעמפלארען פון קומענדיגען ספעצ-יעלען חמשה-עשר-באב-נומער פון בית-יעקב-זשורנאל, וועלכע וועט זיין רייך מיט מאמרים לכבוד דעם דאזיגען יום-טוב.

מיט מוט און שטאלץ וויקעלט פונאנדער אינ'ם דאזיגען, היסטארישען טאג אונזער הייליגער פאהן, דעם דגל התורה, און זאלען פון וויט און ברייט זעהען אלע יודישע פרויען און טעכטער, כי שם ה' נקרא עלינו!

**זאל לעבען בנות-אגודת-ישראל!** **זאל לעבען חמשה-עשר-באב!**

לאדז, תמוז תרפ"ט.

**צענטראלער סעקרעטאריאט פון „בנות אגודת ישראל" אין פוילען**

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
ŁÓDŹ, Lipiec 1929 r.
„BAJS JAKOW“

Cena 1 Zł.
(miesięcznik)

ROK VI zeszyt 10(44)
Adres Red. „Bajs Jakow“
Łódź, Aleksandrowska 28.
P.K.O. 65.613

## אכטונג!

עס ווערט געזוכט אקאָמפּלעט פון לעצטען וואָכענבלאַט „וואָכענבלאַט יוד“, עווענטועל עקזעמפּלארען, אין וועלכע עס זענען געדרוקט נאָוועלען פון לייב פיינגאָלד. די וואָס האָבען אזאָלכע ווערען געבעטען זאָפאָרט זיך צו פערשטענדיגען מיט אונזער רעדאַקציע געגען בעלוינונג.

די רעדאַקציע

מזל-טוב! צו דער פערלאָבונג פון מיין טרייע פריינדין פרל. נעמי שאַפראַן (ווישקאָוו) מיט ה׳ אלטמאן (נאשעלסק) ווינש איך פון טיפען הארצען פיל גליק און אייביגע צופרידענהייט.

יאדאוו פ. ל. ניידמאן

מיין הארציגסטען מזל-טוב ווינש איך ...ר און שוואָגער ...ד יודא קאָזא ...טאָכטער. איהר ...ערציהען זי אין ...טראַדיציע!

...לאה יאַקובאָוויטש

...וב ווינשען מיר ...ענע מיטגלידערין ...עווינסקא צו ...יט ה׳ ח. גליקס-...וואָלע.)

בנות אגודת ישראל

...ליקירי וחביבי מר ...גורמאַן, לארושיו.

ורשה נתן גורמאן

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער גייסטיגער שוועסטער רבקה קארלסברון צום פריהצייטיגען טויט פון איהר מוטער חי׳ ע״ה.

לעהרערין שטאָקמאן און ב״י שילערינס — בעלכאטאוו

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חבר׳טאָרין רחל שאַלדאַיעווסקא (לאָדז) מיט ה׳ י. קאפּלאָוויטש (בענדין), ווינשען מיר אהערצליכען מזל טוב!

חברות: ברײנדל מינסקא, מרים גרינבערג, רבקה טשערניאַק, זלאטע באָרנשטיין, רבקה וואידיסלאווסקא.

אונזערע מיטגעפיהלען פון צער, דער אַקטיווער חברה פון אונזער אָרגאַניזאציע הענא קארלסברון, ווי אויך די חשובע פרויען לעווי און קאָלבערג, צום פריהצייטיגען טויט פון איהר מוטער און זייער שוועסטער חי׳ קארלסברון ע״ה. אין דער ארבייט פאר אונזערע הייליגע אידעאַלען זאָלט איהר געפונען א טרייסט:

בנות-אגודת-ישראל בעלכאטאוו
לעהרערין שטאָקמאן

## ספרים-האַנדעל אין קעלץ

ביי מיר בעקומט מען: טליתים, גאַרטלען, קאפּלען, גמרות, פערשידענע חסידישע ספרים, אָרטאָדאָקסישע ליטעראטור, אינלענדישע און אויסלענדישע צייטשריפטען צו רעדאַקציע-פּרייזען.

יעקב סטאַשעווסקי קיעלץ.
סילניטשנא 5.

## ביכער, זשורנאַלען דרוק-זאַכען און אנדערע

ווערען געזעצט און געדרוקט (אויך מיט מאַטריצען), אין דער ניי-געעפענטער יודיש-העברעאישע דרוקעריי.
רעעלע בעהאַנדלונג, גוטע בעדינגונגען און ביליגע פרייזען!
פערלעגער — ראבאט.

מ. ליבעסקינד לאדז, קילינסקא 50

## קאָמפּלעטען בית-יעקב-זשורנאַל!

אויף די פיעל אָנפראגען וואָס מיר בעקומען וועגען קאָמפּלעטען בית-יעקב-זשורנאַל, זענען מיר מודיע אז קיין פולע קאָמפּלעטען (פון ערשטען ביז׳ן לעצטען נומער) האָבען מיר בכלל נישט פאר קיין פרייז.

דאַגעגען קענען מיר שיקען קאָמפּלעטען פון 25 עקז. בית-יעקב-זשורנאל (פון פערשידענע יאָהרגענג געמישט) און א קאָמפּלעט „קינדער גאָרטען“ (10 עקז.) צום פרייז פון 10 זל. מיט פּאָרטא — אויך אזאָלכע קאָמפּלעטען האָבען מיר א גאַנץ קלייגע צאָהל. איינצעלנע נומערן ביז׳ן זעקסטען יאָהרגאַנג, קאָסטען צו 70 גר. אַן עקזעמפּלאר און פון זעקסטען יאָהרגאנג אָן מוז געצאָהלט ווערען דער פולער פרייז פון יעדען נומער.

אָהן געלד פריהעראויס ווערט נישט געשיקט, ווי אויך נישט אויף נאָכנאַמע! — געלט נישט אנדערש שיקען ווי דורך: P.K.O. 65.613

די ביליגסטע קוועלע פון

## שיך און פאַנטאָפעל!

אַלער-אַרט שיך און פאַנטאָפעל, מאָרגען-שיך, פון די פיינסטע סאָרטען לעדער און לאַקיר. גאַנץ בעזונדער אַ גרויסען אויסוואהל פון קינדער-שיך.

ספּעציעלע שוה צו גימנאַסטיק פאר שול קינדער

בעסטע קוואליטעטען! — ערשטקלאַסיגע אויסארבייטונג! קויפט נאָר ביי דער פּאָפּולערער און רעעלער פירמא

„RENOMA“
Łódź, Piotrkowska 7

געזעצט ביי מ. ליבעסקינד, לאדז

Red. i wyd. Lezer Gerszon Frydenzon.
Tłocznia J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50